בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת צו
טז אדר ב'
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 23
(75)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, שַׁבַּת שְׁקָלִים, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם מְדִינָה וָואס הָאט אַמָאל גֶעהֵייסְן "דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת", הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין לָאזְן אוּיסֶער אוּיבּ עֶר קֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם מְדִינָה אִיר נָאמֶען. הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז גְרֵייט דָאס זִיךְ אוּנְטֶער צוּ נֶעמֶען, הָאבְּן אִים דִי שָׂרִים גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט אִים פְּרוּאוְון אוּיבּ עֶר אִיז טַאקֶע אַזַא גְרוֹיסֶער חָכָם, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אִין דֶעם מְדִינָה אַ גָארְטְן וואוּ קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין, אוּיבּ וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין - וֶועט מֶען אִים אָפְּגֶעבְּן דִי מְלוּכָה. דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט דָאס בַּאוִויזְן, עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גָארְטְן אוּן אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם.

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים צוּ אִים אָנְגִירוּפִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט הָאטְשֶׁע מִיר הָאבִּין פוּן דִיר גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. פוּן אֵיין זַאךְ וֶועגִין. קוּמְט דִיר נָאךְ נִיט אָפְּצוּגִיבִּין דִי מְלוּכָה. מִיר וֶועלִין דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִט אֵיין זַאךְ. בַּאֲשֶׁר דָא אִיז פַארְהַאנְדִין אַ שְׁטוּל פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. אוּן דִי שְׁטוּל אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ. אוּן בַּיי דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייעֶן אַלִירְלֵיי חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת פוּן הָאלְץ אוֹיס גִישְׁנִיצְט. אוּן פַאר דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייט אַ בֶּעטִיל אוּן בַּיי דֶעם בֶּעט שְׁטֵייט אַ טִישׁ אוּן אוֹיף דֶעם טִישׁ שְׁטֵייט אַ לַייכְטֶער. אוּן פוּן דֶער שְׁטוּל גֵייעֶן אַרוֹיס גִישְׁלָאגִינֶע וֶועגִין. אוּן דִי וֶועגִין זֶענֶען גִימוֹיעֶרְט. אוּן דִי וֶועגִין גֵיעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל אִין אַלֶע זַייטִין. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס סֶע אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי וֶועגִין אוּן דִי וֶועגִין אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן צִיהֶען זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁטִיק. שְׁטֵייט דָארְט אַ גִילְדִינֶער לֵייבּ. אוּן אַז אַ מֶענְשׁ זָאל צוּ אִים צוּ גֵיין. וֶועט עֶר עֶפִינֶען דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג נָאךְ וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל. דְהַיינוּ בַּיי דֶעם אַנְדֶערִין וֶועג וָואס סֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע זַייט. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. אַז דֶער וֶועג צִיהְט זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק. שְׁטֵייט דָארְט אֵיין אַנְדֶערֶע חַיָּה. דְהַיינוּ אַ לֶעמְפֶּערְט פוּן אַייזִן וַוארְק. אוּן דָארְט קָאן מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִיט צוּ גֵיין (כַּנַּ"ל וָוארִין עֶר וֶועט אֵיין שְׁלִינְגֶען) אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֶעמְפֶּערְט צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין. אוּן דִי דָאזִיגֶע וֶועגִין. צִיהֶען זִיךְ אוּן גֵייעֶן אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִיט וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי אַלֶע זַאכִין מִיט דִי וֶועגִין. בְּכֵן וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גִיפְּרוּבְט וֶוערִין. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶאנֶען וִויסִין דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דֶעם אַלִימֶען.

### וָואס הָאבְּן דִי אַלֶע זַאכְן מִיט דִיר?

עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט זֵיי, אַז אֵיינֶער וֶועט רֶעדְן פוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן אוּן הוֹיכֶע וֶוערְטֶער, פוּן אַ שְׁטוּל, פוּן גָאלְדֶענֶע לֵייבְּן אוּן אַייזֶערְנֶע לֶעמְפֶּערְט, בֶּערְן וָואס טַאנְצְן אוּן קַאטְשְׁקֶעס וָואס פְלִיעֶן דַאן אִיז עֶר חָשׁוּב אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶּער דָאס וָואס דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט פְרִיעֶר בַּאוִויזְן, אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם גָארְטְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט יָאגְן, אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט. אֵיי, וָואס הָאבְּן דִי אַלֶע זַאכְן מִיט דִיר? דֶער צַדִּיק הָאט דִיר דָאךְ גֶעוִויזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַ וֶועג צוּ דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז דָאךְ מֶער פוּן אַלֶעס!

### בִּיז אַהִין אִיז דִיר שׁוֹין אַלֶעס מְסוּדָר?...

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ב, סִימָן רכג) וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אָן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַזוֹי וִוי הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי וֶועלְט שׁוֹין פָארְגֶעשְׁרִיטְן אוּן מֶען קֶען שׁוֹין אַלֶעס וִויסְן, וִויל עֶר וִויסְן וואוּ דֶער 'טַייך סַמְבַּטְיוֹן' אִיז, עֶנְטְפֶערְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "**בִּיז אַהִין אִיז דִיר שׁוֹין אַלֶעס מְסוּדָר?...**" מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר לִיבּ פִילָאזָאפְיֶע, ווילְנְדִיג וִויסְן 'וואוּ דִי הָרֵי חֹשֶׁךְ' אוּן דֶער 'טַייך סַמְבַּטְיוֹן' אִיז, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, וָואס גֵייט מִיר אָן וואוּ דִי 'הָרֵי חֹשֶׁךְ' אִיז? וָואס גֵייט מִיר אָן וואוּ דֶער 'טַייך סַמְבַּטְיוֹן' אִיז? וָואס וֶועלְן דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיסְמַאכְן פַאר מַיין לֶעבְּן? דֶער עִיקָר גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דִי 'הָרֵי חֹשֶׁךְ' זָאלְן נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר אִין קָאפּ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר פִינְסְטֶער, אוֹיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דֶער סַמְבַּטְיוֹן זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאלְן נִישְׁט פְלִיעֶן קַיין שְׁטֵיינֶער...

### פְּלוּצְלִינְג הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן...

אָבֶּער אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, דָאס צִי עֶר קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, נָאר גֶעשְׁלָאגֶענֶע וֶועגְן, פִילָאזָאפְיֶע אִיבֶּער זַאכְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט - דָאס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן צוּ דֶעם וֶוערְן מֶענְטְשְׁן פַארְקוֹיפְט. עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶעט מֶען אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַעֲשֶׂה, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן 'תַּכְלִית', אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז תַּכְלִית, דַאוֶוענֶען אִיז תַּכְלִית, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז תַּכְלִית, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז תַּכְלִית, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז תַּכְלִית, אוּן גֶעלְט אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ אַנְדֶערֶע תַּכְלִית, זֵייעֶר תַּכְלִית אִיז גֶעוֶוען גֶעלְט, בַּיי זֵיי הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעדְרֵייְדְט אַרוּם דִי פְרַאגֶע: "**תַּכְלִית גֶערֶעדְט, וואוּ מַאכְט מֶען אַפָּאר דָאלֶער?**" "**וואוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן?**" "**וואוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן?**" דֶערְפַאר הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט מִיט פִינְף פִינְגֶער, מִיט אַלֶע קְנֵייטְשְׁן אוּן קְרִיצְן וָואס אִיז פַארְהַאן אוֹיף אַ הַאנְט, אוּן דוּרְךְ דִי קְרִיצְן קֶען מֶען זֶען אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ', פְּלוּצְלִינְג הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן

אוֹיסְהֶערְן. ווִילַאנְג עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִיז עֶר גָארְנִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען בַּיי זֵיי, וַוייל דָאס זֶענֶען צוּ פָּשׁוּט'עֶ זַאכְן... אָבֶּער אַז עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן פוּן טִיפֶע קַבָּלָה זַאכְן, פוּן זַאכְן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט זֵיי, דַאן הָאט זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן.

## רֶעד שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים

אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיג פְּלַאץ 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', וָואס מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז דֶער שֵׂכֶל דוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם גָארְטְן אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט יָאגְן; מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט מַיינְס, וָואס דַארְף אִיךְ זָארְגְן פַאר דִי וֶועלְט, וָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ צֶעקְרִיגְן מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, פַארְקֶערְט, רֶעד שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים, זֵיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן.

הָאט מֶען אִים גְווִיזְן דִי שְׁטוּל. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ'. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שְׁטוּל. הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁטוּל אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין פוּן דֶעם הָאלְץ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (דְהַיְינוּ דִי כְּלִי וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִישֶׁענְקְט כַּנַ"ל)

## עֶס הֵייבְּט אָן שְׁפִּילְן אַ נִיגוּן

דֶער שְׁטוּל אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם זֶעלְבְּן הָאלְץ וִוי דֶער כְּלִי וָואס דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד. ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פְרִיעֶר אַז דֶער כְּלִי אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע בְּלֶעטְלֶעךְ אוּן סְפֶּעצִיעֶלֶע פַארְבְּן, וָואס אַז מֶען נֶעמְט דִי כְּלִי אוּן מֶען לִיגְט אִיר אַרוֹיף אוֹיף סַיי וָואס פַאר אַ בְּהֵמָה אָדֶער פֵייגְל הֵייבְּט עֶס גְלַייךְ אָן צוּ שְׁפִּילְן אַ נִיגוּן.

הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז סֶע גֵייט אָפּ פוּן דֶער שְׁטוּל פוּן אוֹיבִּין עֶפֶּעס אַ רֵייזִילֶע. אוּן אַז דִי שְׁטוּל זָאל הָאבִּין דָאס רֵייזִילֶע. וָואלְט דִי שְׁטוּל גִיהַאט דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל. (דְהַיְינוּ דִי כְּלִי הַנַ"ל וָואס זִי הָאט גִיהַאט דֶעם כֹּחַ. אַז מֶע פְלֶעגְט דִי כְּלִי צוּ לֵייגִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ חַיָה וְכוּ' הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין כַּנַ"ל) הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָאס רֵייזִילֶע וָואס סֶע גֵייט אָפּ אוֹיבִּין פוּן דֶער שְׁטוּל. דָאס רֵייזִילֶע לִיגְט אוּנְטִין אִין דֶער שְׁטוּל. בַּאדַארְף מֶען דָאס רֵייזִילֶע אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אוּנְטְן אוּן אַרַיין זֶעצִין עֶס אוֹיבִּין אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּל הָאבִּין דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (הַנַ"ל)

## דָאס 'רוֹיזֶעלֶע'

דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס רוֹיזֶעלֶע פוּן אוּנְטְן אוּן אַרַיין זֶעצְן אוֹיבְן, וֶועט דֶער שְׁטוּל הָאבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן דִי כֵּלִי, אוּן עֶס וֶועט אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן), דָאס 'רוֹיזֶעלֶע' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמַת יִשְׂרָאֵל (עַיֵין זֹהַר הַקְדָמָה א.); זָאגְט אוּנְז דָא דֶער רֶבִּי, וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר אִיז אוּנְטְן, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר הַאלְט אַז עֶס אִיז דָא צַדִיקִים, זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אָבֶּער אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, - זִינְגְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין דִיר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן 'אֱמוּנָה', הָאט ר' נָתָן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וָואס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה?! הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"וְאִם יֵשׁ לְךָ אֱמוּנָה, אֵין לְךָ אֱמוּנָה בְּעַצְמְךָ"**, אֲפִילוּ דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין דִיר! אוֹיסֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר אוֹיךְ גְלֵייבְן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ זַיינֶע תְּפִילוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ).

## עֶר טְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל

יֶעדֶער אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ 'שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה', עֶר הֶערְט צוּ יֶעדְנס תְּפִילוֹת, פַארְוָואס דֶען רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל, עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, 'זִיכֶער הֶערְט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ מַיינֶע תְּפִילוֹת', אָבֶּער אַז מֶען הֵייבְּט אוֹיף דָאס רוֹיזֶעלֶע, מֶען גֶעבְּט אִים חִיזוּק, מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז **'יָא חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן'**, דַאן הֵייבְּט עֶר אָן צוּ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּם בֶּעט, טִישׁ אוּן לַייכְטֶער - וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיף אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

## אִים פָּשׁוּט גֶעבְן אַבִּיסְל חִיזוּק

דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט קֶען מֶען אַלֶעס מְסַדֵר זַיין, מֶען דַארְף גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַ אִיד - דַאן הֵייבְּט עֶר אָן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אִיד וֶועם מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין, מוּז נִישְׁט דַוְקָא זַיין אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ, דָאס קֶען זַיין דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵק זַיין, אָדֶער אַ בְּרוּדֶער, אָדֶער דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. זָאג: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן דַיין קוֹל"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים"**, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צוּרִיק מַאכְן דָאס רוֹיזֶעלֶע זָאל זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דַאוֶוענֶען מִנְחָה, מַעֲרִיב

אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל רֶעדְן מֶער פוּן דַאוֶוענֶען 'מִנְחָה, מַעֲרִיב, וַוייל שַׁחֲרִית דַאוֶוען אִיךְ נָאךְ, אָבֶּער 'מִנְחָה, מַעֲרִיב' - אוֹיף דֶעם דַארְף אִיךְ חִיזוּק"**, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב? וַוייל דוּ טְרַאכְסְט: **'מַיין מִנְחָה פֶעלְט יֶעצְט אוֹיס אִין הִימְל'?** אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט'ן לֶערְנֶען, פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? וַוייל דוּ בִּיסְט צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ.

## עֶר זָאגְט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיס דֶעם סוֹד

מֶען קֶען זַיין אַ חַסִיד'יִשֶׁער אִינְגֶערְמַאן, גֵיין מִיט אַ שְׁטְרַיימְל, אוּן אֲפִילוּ ווִיסְן פוּנְקְטְלִיךְ צִי מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, צִי מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן בְּרֶסְלֶב, אוּן זַיין קְלָאר אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים, עֶס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר שְׁוַואכֶע... אָבֶּער עֶר זָאגְט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיס דֶעם סוֹד אַז עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט קַיין 'מִנְחָה', עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט קַיין 'מַעֲרִיב', פַארְוָואס דַאוֶוענְסְטוּ נִישְׁט מִנְחָה? קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִנְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דַיין מִנְחָה!

## דִי סְגֻלָּה פוּן 'פְּנוּיוֹת'

אָבֶּער דָאס רוֹיזֶעלֶע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן, מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ"**... אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט אִין דִי יְשִׁיבוֹת דִי סְגֻלָּה פוּן 'פְּנוּיוֹת', וִוי נָאר אַ בָּחוּר הֵייבְּט אָן דַאוֶוענֶען הֵייבְּט מֶען אִים שׁוֹין אָן צוּ צֶעבְּרֶעכְן: **"דַיין דַאוֶוענֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד עֶס אִיז מִיט פְּנוּיוֹת"**... נוּ, אַז מַיין דַאוֶוענֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, מַיין מִנְחָה אִיז נִישְׁט קַיין מִנְחָה, אוּן מַיין מַעֲרִיב אִיז נִישְׁט קַיין מַעֲרִיב, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נָאךְ דַאוֶוענֶען?! אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט: **"דוּ בִּיסְט וֶוערְד"**.

## דוּ בִּיסְט יָא וֶוערְד

אוּן דָאס דַארְפְן מְנַהֲלִים ווִיסְן, מֶען דַארְף כְּסֵדֶר גֶעבְן פַאר תַּלְמִידִים גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ בִּיסְט יָא וֶוערְד"**, **"דוּ בִּיסְט יָא וֶוערְד"**, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְטְן פוּן זִיךְ, וואוּסְנְדִיג אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן וֶוערְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר

מִיר הָאבְּן דִי וָואךְ גֶעהַאט אִין גְמָרָא אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (חֲגִיגָה טו.), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן 'אַחֵר', וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּנָא אוּן הָאט נֶעבֶעךְ אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט, דִי גְמָרָא זָאגְט (שָׁם:) אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט גֶעגֶעסְן דֶעם טֵייטְל אוּן אִיבֶּער גֶעלָאזְט דֶעם קֶערְל, דָאס מֵיינְט, אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען נָאר דִי גוּטֶע חֲלָקִים פוּן זַיין רֶבִּי, אוּן נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן רֶבִּי מֵאִיר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיין רֶבִּי זָאל זִיךְ צוּרִיק

קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא, אֵיינְמָאל אוּם שַׁבָּת, אִיז רֶבִּי מֵאִיר גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי זַיין רֶבִּי קוּמְט צוּ גֵיין רַייטְנְדִיג אוֹיף אַ פֶערְד, אִין דִי הַיינְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ מֵיינְט עֶס דְרַייוְון אַ קַאר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ! הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִין לֶערְנֶען. אַזוֹי זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בַּיים סוֹף פוּנֶעם 'תְּחוּם שַׁבָּת', רוּפְט זִיךְ אָן אַחֵר צוּ רֶבִּי מֵאִיר: **"דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ 'שׁוֹמֵר שַׁבָּת' אוּן דָא עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער תְּחוּם"**, הָאט רֶבִּי מֵאִיר זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זַיין רֶבִּי: **"רֶבִּי, אֶפְשָׁר דָאךְ קוּמְט דֶער רֶבִּי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, הָאט אַחֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ בַּת קוֹל רוּפְט אוֹיס פוּן הִימְל 'שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר', יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן - חוּץ אִיךְ"**.

## גֶעהַאקְט שְׁטִיקֶער בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת

לְמַעֲשֶׂה הָאט רֶבִּי מֵאִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן הָאט אִים אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אָבֶּער אִין יֶענֶע שׁוּלְ'ן הָאט מֶען גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת 'מוּסָר', זֵיי הָאבְּן גֶעהַאקְט שְׁטִיקֶער בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת: **"דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט?!"** **"דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט?!"** אִין דֶעם גַאנְצְן שְׁטָאט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל וָואס מֶען זָאל רֶעדְן כָּאטְשׁ אֵיין גוּט וָוארְט פַאר אַחֵר אַז עֶר קֶען נָאךְ יָא תְּשׁוּבָה טוּן. הָאט יֶענֶער רָב זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פָּסוּק, אוּן גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעם פָּסוּק זֶעט מֶען **"אַז מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן!"** זָאגְט אַחֵר פַאר רֶבִּי מֵאִיר: **"זֶעסְט, עֶס אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, אִיךְ קוּם דָא אַרַיין אוּן אִיךְ הֶער שׁוֹין בַּיי דִי דְרָשָׁה אַז אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ, אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, זָאגְט אִים רֶבִּי מֵאִיר לָאמִיר פְּרוּבִּירְן אַ צְוֵוייטֶע שְׁטִיבְּל, זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן שְׁטִיבְּל, שְׁטֶעלְט זִיךְ יֶענֶער רָב אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (יִרְמְיָהוּ ב, כב): **"כִּי אִם תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר וְתַרְבִּי לָךְ בֹּרִית נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי נְאֻם ה'"**, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט וִוילְן זִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁמוּצִיג, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן!

## "יְנוּקָא" - יוּנְגֶע רַבָּנִים

אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין שְׁטִיבְּל צוּם צְוֵוייטְן, אוּן 'אַחֵר' וַוארְט צוּ הֶערְן כָּאטְשׁ פוּן אֵיין רָב אַז עֶר אִיז 'יָא', עֶר קֶען נָאךְ יָא פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים, אַלֶע רַבָּנִים הָאבְּן נָאר גֶעזָאגְט מוּסָר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. וִוי דִי גְמָרָא רוּפְט זֵיי אָן מִיטְ'ן נָאמֶען: **"יְנוּקָא"**, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְגֶע רַבָּנִים, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דִי וֶועלְט אִיז, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶערֶעדְט קַיין דִבְרֵי חִיזוּק.

## אַזֶעלְכֶע דְרָשׁוֹת הַאלְסְטוּ?!

בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם לֶעצְטְן שׁוּל, אִיז אַחֵר גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן צֶעשְׁנִיטְן דֶעם רָב אוֹיף דְרַייצְן שְׁטִיקֶער! [דֶער בֶּן אִישׁ חַי (בֶּן יְהוֹיָדָע, חֲגִיגָה טו:) זָאגְט פְּשַׁט אַז עֶר הָאט נִישְׁט צֶעשְׁנִיטְן דֶעם רָב, נָאר דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט], עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: **"אַזֶעלְכֶע דְרָשׁוֹת הַאלְסְטוּ?! אִיךְ קוּם אִין שׁוּל הֶערְן אַ שִׁיעוּר, אוּן בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל 'דוּ בִּיסְט נִישְׁט!' 'דוּ בִּיסְט נִישְׁט!' קֶענְסְט מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ בִּין יָא?!"** בִּיז עֶר אִיז מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָאס אִיז דֶער תְּשׁוּבָה

הָאט מִיר אַ בָּחוּר גֶעפְרֶעגְט, דִי אַלֶע פְּסוּקִים וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעזָאגְט זֶענֶען דָאךְ אֶמֶת'עֶ פְּסוּקִים, קוּמְט לִכְאוֹרָה אוֹיס אַז מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן?! דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אַוַודַאי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר דָאס אִיז דֶער תְּשׁוּבָה, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְפְט אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן עֶר זָאל הֶערְן וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר זָאל מֵיינֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן - דָאךְ זָאל עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זָאגְן: 'מִיר גֵייט נִישְׁט אָן אוֹיבּ מֶען דַארְף מִיר יָא, אוֹיבּ מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט; אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי קוּמֶען דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי הִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ גֵיי אָנְטוּן תְּפִילִין'.

## זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶר אִיז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶערֶעדְט מִיט זַיין מוֹיל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם. אֵיי, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי פְּסוּקִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן? דָאס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען וִויל זֶען צִי דוּ גֵייסְט זִיךְ לָאזְן אַוֶועק פַאלְן, אָדֶער דוּ גֵייסְט צוּרִיק קוּמֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען.

## אַ הוֹיז, אַ קַאר, אַ בִּיזְנֶעס, אוּן אַ וַוייבּ

דָאס הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען, דָאס רוֹיזֶעלֶע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, דֶער אִיד אִיז צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, עֶר הַאלְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶס אִיז דָא פַאר אִים אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ בֶּעט, אַ טִישׁ אוּן לַייכְטֶער, עֶר הָאט אַ הוֹיז, אַ קַאר, אַ בִּיזְנֶעס, אוּן אַ וַוייבּ, אָבֶּער עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט', טְרַאכְטְנְדִיג אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶערְפַאר זִינְגְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הֵייבְּט אוֹיף דֶעם רוֹיזֶעלֶע, מֶען זָאגְט אִים: **"דוּ בִּיסְט יָא"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים"**, זִינְגְט עֶר שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ מַדְרֵיגָה זִיךְ צוּ קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן...

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען 'עֶס אִיז אַ מַדְרֵיגָה זִיךְ צוּ קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן'... הֶער שׁוֹין אוֹיף זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, בִּיסְט שׁוֹין גֶענוּג צֶעבְּרָאכְן! שְׁטַארְק זִיךְ, **'אִיךְ בִּין יָא', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת'**; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): **"כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ"**, וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר זִינְדִיג אוּן עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן! זוּךְ נִישְׁט זִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, אַז דָאס אִיז נָאר 'אַ בְּחִינָה', דָאס מֵיינְט נִישְׁט מִיר. דָאס מֵיינְט יֶעדְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ רֵייכֶער נִישְׁט שַׁבָּת, אִיךְ דְרֵייווּ נִישְׁט שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאן שַׁבָּת, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת.

## מֶען קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן נָאר אִין הַאלְבּ

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' אַלְס תִּיקּוּן הַבְּרִית - בְּלוֹיז צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וִוי אַזוֹי קֶען אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ פַארְרֶעכְטְן דֶעם גְרוֹיסְן פְּגַם? הָאט אִים דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶעם 'פְּגַם' וִוי אַזוֹי דִי עֲבֵירָה אַרְבֶּעט אַז דָאס זָאל חָרוּב מַאכְן אַזוֹיפִיל וֶועלְטְן פַארְשְׁטֵייסְטוּ יָא?! נָאר גְלֵייבְּן אִין דִי עֲבֵירָה אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ גְרִינְג צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן נָאר אִין הַאלְבּ, אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם 'פְּגַם' דַארְפְּסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִינֶעם 'תִּיקּוּן', דִי זֶעלְבֶּע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי 'עֲבֵירָה' קֶען חָרוּב מַאכְן דִי אַלֶע וֶועלְטְן, קֶען אוֹיךְ דֶער 'תִּיקּוּן' צוּרִיק מַאכְן אַלֶע וֶועלְטְן.

## עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף זִיךְ

אַז מֶען הֵייבְּט אוֹיף דָאס רוֹיזֶעלֶע, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן זֶען גוּטְס אִין זִיךְ, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע מַחְלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס קְרִיגְט זִיךְ, מִיט אַ שָׁכֵן, אַ חַבֵר, אַ מֶענִידְזְשֶׁער, אַ טַאטֶע, אַ וַוייבּ, מֵיינְט דָאס אַז אִיז עֶר בֶּאֱמֶת בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דָאס קֶען מֶען גוּט קוּקְן, וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט אָן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, אִין אֱמֶתְ'ן אַרַיין וָואלְט

עֶר גֶערֶעדְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, פוּן גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, נָאר עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף זִיךְ, דֶערְפַאר רֶעדְט עֶר אוֹיף אַנְדֶערֶע...

### קוּמֶען צוּם צַדִּיק

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יד), וֶוען עֶס אִיז **"אֵין שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי"** (תְּהִלִּים לח, ד), דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, דֶעמָאלְט קְרִיגְט עֶר זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע. דֶער מֶענְטְשׁ הֶענְגְט אָן דָאס שׁוּלְד אִין אַנְדֶערֶע, **'אִיךְ לַייד וֶועגְן מַיין טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, שְׁווִיגֶער, מִשְׁפָּחָה, וַוייבּ, אַרְבֶּעטֶער, בַּעַל הַבַּיִת, שָׁכֵן א.א.וו.'**, אָבֶער אִין אֶמֶתְ'ן אִיז אַלֶעס נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם צַדִּיק, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דָאס רוֹיזֶעלֶע, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גוּט אוּן פֵיין.

וָוארִין דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען הָאט אִיטְלִיכֶע זַאךְ גִיטָאן מִיט חָכְמָה אוּן הָאט אַלְץ פַארְשְׁטֶעלְט. כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ וָואס עֶר מֵיינְט בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטוֹיסִין אוּן וֶועט קֶענֶען צוּטְרֶעפִין אַלְץ אִיבֶּער צוּ בַּייטִין. אוּן מְסַדֵּר צוּ זַיין אַלֶע זַאכִין אַזוֹי וִוי מֶע דַארְף.

אוּן אַזוֹי דָאס בֶּעטִיל. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶע בַּאדַארְף עֶס אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט וִוי סֶע שְׁטֵייט. אוּן אַזוֹי דֶעם טִישׁ בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט אוּן אַזוֹי דֶעם לַייכְטֶער בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן אִים אָרְט. אוּן אַזוֹי דִי עוֹפוֹת אוּן דִי חַיוֹת מוּז מֶען זֵיי אוֹיךְ אַלֶע אִיבֶּער שְׁטֶעלִין. מֶע זָאל נֶעמֶען דָאס עוֹף פוּן דֶעם אָרְט אוּן מֶע זָאל עֶס שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן אַזוֹי אַלֶע מוּז מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אַלְץ אִין מִיסְטְנֶע פַארְשְׁטֶעלְט מִיט חָכְמָה כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט ווִיסִין וָואס מֶע מֵיינְט. בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען דֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט קָאנֶען פַארְשְׁטֵיין עֶר זָאל אַלְץ מְסַדֵּר זַיין אַזוֹי וִוי מֶע בַּאדַארְף. אוּן אַזוֹי דֶער לֵייבּ וָואס עֶר שְׁטֵייט דָארְט וִוי דֶער וֶועג גֵייט אַרוֹיס בַּאדַארְף מֶען אִים אַהִין שְׁטֶעלִין. אוּן אַזוֹי אַלֶע בַּאדַארְף מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל אַלְץ מְסַדֵּר זַיין וִוי מֶע בַּאדַארְף. מֶע זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס רֵיייזִילֶע פוּן אוּנְטִין אוּן מֶע זָאל עֶס אַרַיין זֶעצִין אוֹיבִין. אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע זַאכִין זָאל מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אוּן מֶע זָאל זֵי מְסַדֵּר זַיין אַנְדֶערְשׁ (אַזוֹי וִוי מֶע בַּאדַארְף אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גִיהֵייסִין) וִוי מֶע הָאט אַזוֹי גִיטָאן. הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין אַלֶע צוּ שְׁפִּילִין דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכִין נִיגוּן וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיטָאן דָאס וָואס זֵיי בַּאדַארְפִין צוּ טוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים אָפְּגִיגֶעבִּן דִי מְלוּכָה. (דְהַיְינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע חָכְמוֹת בַּאוִויזִין כַּנַּ"ל).

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן הַשִּׁפְחָה. הַיְינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ אוּן דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה בֶּאֱמֶת.

פַארְצַייטִין אַז מֶע פְלֶעגְט שְׁמוּסִין קַבָּלָה פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּסִין מִיט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן (וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִיז) וְכוּ'. דִי מַעֲשֶׂה אִיז. אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן סֶע גָאר אֵיינְס. דִי בְּהֵמוֹת וְכוּ'. אוּן דִי שְׁטוּל אוּן דֶער גָארְטִן וְכוּ'. סֶע גָאר אֵיינְס. אַמָאל הֵייסְט עֶס אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי.

דֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה. אִיז אַזוֹי וִוי דִי שְׁטוּל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִימַאכְט וָואס דֶער עִיקַר חָכְמָה אִיז אַז מֶע זָאל ווִיסִין וִוי אַזוֹי מְסַדֵּר צוּ זַיין אִיטְלִיכֶע זַאךְ אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער סֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין סְפָרִים. אוּן אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם בֶּאֱמֶת. קָאן עֶר פַארְשְׁטֵיין דָאס פֵּירוּשׁ. נָאר מֶע מוּז ווִיסִין מֶע זָאל גוּט מְסַדֵּר זַיין. וָוארִין אַמָאל הֵייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין. דָאס הָאט אַלְץ עֶר אַלֵיין ע"ה גִישְׁמוּסְט נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה.

### צוּרִיק וֶוערְן אַן עָנָיו

מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דָא, אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ גְרוֹיסְן, זַיין זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן פְרֵיידְט זִיךְ צוּ יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, גֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען צוּרִיק וֶוערְן אַן עָנָיו, דַאן דַארְף מֶען טְרַאכְטְן: **'וֶוער בִּין אִיךְ צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע', 'אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי פַאר דֶעם'.**

### זָאל עֶס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַלֵיינְס טוּן

אוֹיף צוּ קֶענֶען 'מוּסָר זָאגְן' - דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין רָאוּי, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן 'מוּסָר'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח): **"אַף עַל פִּי שֶׁתּוֹכָחָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל"**, כָאטְשִׁיג מוּסָר זָאגְן אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, **"אַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם רָאוּי לְהוֹכִיחַ"**, - אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען גֶעבְּן מוּסָר, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט רָאוּי קֶען מֶען עֶרְגֶער מַאכְן, נָאר וֶוער עֶס קֶען זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין דִי אִידְן, נָאכְן זִינְדִיגְן בַּיים עֵגֶל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט (גִּיטִּין לו:): **"עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ. אֲפִילוּ אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט דִיר קוּמֶען זָאגְן אִין נָאמֶען פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זָאגְן מוּסָר"**, זָאל עֶס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַלֵיינְס טוּן, אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן 'הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ' זָאלְסְטוּ לָאזְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ טוּן...

### אַ גוּט וָוארְט קֶען יֶעדֶער גֶעבְּן

אָבֶער חִיזוּק - דָאס מֶעג יֶעדֶער גֶעבְּן אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער גֶעבְּן, דָא קוּמְט נִישְׁט אַרַיין 'מִי אָנֹכִי, וֶוער בִּין אִיךְ? בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי?!' דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): **"שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, 'יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה' בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ, 'אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ'"**, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אֵיינֶער, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין, זָאל מִיר זָאגְן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, **"הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ"**, וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט נָאכְמֶער כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם"**, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער עֶס זָאל מִיר דָאס זָאגְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ גוּט וָוארְט קֶען יֶעדֶער גֶעבְּן. **'שְׁטַארְק זִיךְ', 'דוּ בִּיסְט וואוֹיל', 'דוּ בִּיסְט גוּט'**, - קֶען יֶעדֶער זָאגְן.

### אֲפִילוּ אוֹיבּ יָא - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז פַארְ'ן קְרִיג זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים פוּן פּוֹילְן קַיין אוּמַאן אוּן וֶוען דִי קְרִיג הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן זֶענֶען זֵיי שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן, [אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט הַיינְט בַּיי דִי מִלְחָמָה צְווִישְׁן רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרֵיינְא, אַז מֶען שְׁפָּארְט אָפּ דִי גְרֶענִיצְן], וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ וואוֹינֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִינֶעם קְלוֹיז. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֵיי פְלֶעגְן דָארְט בְּלַייבְּן אוֹיךְ בַּיינַאכְט אוּן בַּיינַאכְט פְלֶעגְט אַהִין קוּמֶען פְרוֹיעֶן וְכוּ', פְלֶעגְט דֶער שַׁמָּשׁ זֵיי אַרוֹיסְטְרַייבְּן, אָבֶער דִי בָּחוּרִים הָאבְּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, הָאט אֵיינֶער גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַ בָּחוּר: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן גֵיהִנֹּם, אוּן נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גַּן עֵדֶן!"** הָאט יֶענֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דַאנְקֶען גָאט** [דָאס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אִין אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ 'שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'], **אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער 'שׁוֹמֵר הַפֶּתַח' אִין גֵיהִנֹּם אוּן אִין גַּן עֵדֶן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יָא - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא פַאר דִיר..."**

### אָבֶער צֶעבְּרֶעךְ מִיר נִישְׁט!

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם וָוארְט, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט עֶס דֶערְצֵיילְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל זָאגֶענְדִיג וִוי גוּט דֶער בָּחוּר הָאט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, אֵיי דֶער בָּחוּר הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט מִיט חֻצְפָּה, אוּן יֶענֶער אִיז דָאךְ בֶּאֱמֶת גֶערֶעכְט גֶעוֶוען אַז דִי בָּחוּרִים מֶעגְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן דָארְט? אֶלָּא מַאי? בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, אָבֶער צֶעבְּרֶעךְ מִיר נִישְׁט! זָאג מִיר נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ, זָאג מִיר נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין גַּן עֵדֶן, דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט זָאגְן, אוּן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶס יָא זָאגְן - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם 'שׁוֹמֵר הַפֶּתַח' פוּן גֵיהִנֹּם אוּן פוּן גַּן עֵדֶן, אִיךְ גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיפְהֵייבְּן דָאס רוֹיזֶעלֶע, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.